## משיחת ל' תשרי תשמ"ט

**– יחידות ל"אורחים" שיחיו –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואס איז די אפלערנונג און דער אינהאלט פון דעם חלק אין פרשה נח פון רביעי ביז חמישי,

שטייט דארטן גלייך א קלארע אנווייזונג, אז וואס זאגט מען אן א אידן אין דעם טאג פון יום הרביעי פון פרשה נח – איז א קלארע אנווייזונג: "**צא מן התיבה**". און ניט נאר דו אליין, נאר "אתה ואשתך ובניך ונשי בניך", און אזוי אויך "כל החי' וכל הבהמה" וואס געפינט זיך אין דער תיבה.

און דערנאך איז מען נאך מוסיף, אז ס'קען דאך זיין אז די חיות אדער די בהמות וועלן **ניט** וועלן ארויסגיין פון תיבה - דעמולט זאל זיין גלייך ווי די נקודות: "היצא אתך" - זאלסט זיי **מכריח-זיין** און זאלסט ארויסנעמען זיי בעל-כרחם פון דער תיבה, און ארייננשטעלן זיי אין דעם עוה"ז הגשמי,

וואס ס'האט זיך ערשט געענדיקט דארטן דער מבול, און מ'דארף ערשט האבן די הבטחה מיט די שבועה פון דעם אויבערשטן אז ס'וועט זיין "לא ישבותו", אז ס'וועט זיין **שלום** בעולם,

זאל מען זיך ניט רעכנען מיט די אלע שאלות וספיקות וקשיות וכיו"ב, נאר ארויסנעמען זיי פון דער תיבה און ארייננשטעלן זיי אין דער וועלט.

וואס אט דא ווערט דאך ביי א מענטשן, עאכו"כ ביי א אידן וואס ער ווייס אז "אני נבראתי לשמש את קוני", טראכט ער בא זיך און פרעגט א שטורעמדיקע שאלה:

"אני נבראתי לשמש את קוני": ס'איז נאך קיינמאל ניט געוועזן אין נח'ס לעבן אזא גוטע צייט אויף "לשמש את קוני" - ווי אין דער צייט וואס ער איז געווען אין דער תיבה!

עד"ז ווי אויך אין דער דוגמא וועגן וועלכע מ'רעדט: די בעסטע צייט אין יאר ביי א אידן אויף דינען דעם אויבערשטן איז דאס חודש תשרי:

ס'איז "מרובה במועדות"; גלייך דער ערשטער טאג פון חודש תשרי הויבט זיך אן מיט קבלת עול מלכות שמים און קבלת עול מצוות, און מיט תקיעת שופר, וואס דאס איז דאך אז מ'בלאזט שופר כדי אויף צו דערמאנען דער גאנצער וועלט אז "בואו נשתחוה ונכרעה לפני הוי' אלקינו", אז מ'איז מכתיר (מ'קרוינט) דעם אויבערשט אלס א "מלך פון ישראל" און א "מלך כל הארץ",

און דערנאך ווערט מען פארנומען, ניט מיט וואכעדיקע זאכן, נאר מ'איז פארנומען מיט עשרת ימי תשובה, און דערנאך די ד' ימים שבין יוהכ"פ לחג הסוכות, און דערנאך אין ימי הסוכות, און דערנאך שמיני עצרת, און שמחת תורה במיוחד, און דערנאך די ימים וואס ס'ענדיקט זיך חודש תשרי,

בפרט נאך ווי דערמאנט פריער אז דאס רעדט זיך וועגן אידן וואס זיי האבן זיך אליין איבערגעשטעלט, מרצונם הטוב, אין א מעמד ומצב אז מ'זאל ניט זיין פארנומען מיט וואכעדיקע עסקים און מיט וואכעדיקע



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נח

בעה"ב'שקייט, ווארום מ'געפינט זיך אין א נייער מדינה און אין א נייעם מעמד ומצב און אין ימים מיוחדים ומסוגלים,

במילא פרעגט א איד די שאלה:

דער אויבערשטער האט אים געגעבן א מעגלעכקייט, בדוגמא ווי ס'איז געווען בא נח'ן: האט אים אריינגעשטעלט אין א תיבה,

בפרט נאך לויט דעם ווארט און לימוד פון בעש"ט, אז "בא אל התיבה" מיינט מען דאס - אין עבודת השם - אז מ'זאל "אריינגיין" אין "תיבה" - אין די ווערטער פון תפלה און אין די ווערטער פון תורה,

וואס דאס איז במשך כל השנים כולם ווערט דאס א "תיבה", א באשיצונג פון "מים רבים" וואס געפינען זיך אין וועלט, און מ'היט אים אפ און ער זאל האבן **ברכת ה'**,

בדוגמא ווי ס'איז געווען בא נח'ן בפשטות אין דער תיבה, וואס ער האט דאך געהאט כל מזונו שלו און געווען באשיצט פון אלע זאכן, און געווען באווארנט ער זאל דינען דעם אויבערשטן, און דינען דעם אויבערשטן כל היום וכל הלילה,

ווי דערציילט אויך אין מדרש, אז נח איז געווען פארנומען מיט ממלא-זיין די שליחות פון דעם אויבערשטן אז ער זאל אפהיטן און אויפהאלטן און אויפהאדעווען די אלע ברואים וואס געפינען זיך אין דער תיבה.

זאגט אים אן דער אויבערשטער, אז בשעת ס'האט זיך געענדיקט, און **גלייך** ווי ס'האט זיך געענדיקט, די "מים על הארץ", ביז וואנענט אז "**חרבו** המים מעל הארץ – זאגט מען אים גלייך אן, אז ער דארף ניט ווארן, און **טאר ניט** ווארטן, און טאר ניט בלייבן אין דער תיבה;

ער דארף גלייך ארויסגיין אין דער וועלט וואס ס'האט זיך ערשט געענדיקט, ערשט אויסגעטריקנט געווארן דער מבול,

און דארטן דארף ער זיך פארנעמען מיט זאכן כדי דורכצופירן אז עס זאל זיין "מלאו את הארץ", אז עס זאל ניט זיין אן ארץ פון תוהו, נאר עס זאל זיין א וועלט וואס איז אנגעפילט מיט דעם אויבערשטנ'ס ברואים,

במילא אז ס'קומט דערנאך חודש תשרי,

ובפרט פאר מענטשן וואס זיי האבן זיך אוועקגעשטעלט דעם חודש תשרי אין אזא מעמד ומצב:

דא האבן אידן אויסגעקליבן א "חלק היפה": גולה למקום תורה ולמקום תפלה פון נשיא דורנו, פון דעם רבי'ן דעם שווער,

און זיין דארטן א גאנצן חודש תמים, און א חודש פארבונדן מיט ענינים כלליים, וואס האבן דערנאך א ווירקונג אויף א גאנצן יאר, כמדובר כמה פעמים,

און ווי יעדערער פילט דאס פון זיך אליין, און וועט דאס זיכער אויסנוצן אין דער פולסטער מאס לאחרי ווי ער וועט זיך אומקערן אהיים אין די וואכעדיקע – איז ווייס א איד אז זיין וואכעדיקייט איז על טהרת



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת נח

הקודש, במילא נעמט ער אין דערויף אריין פון דעם "קודש" וואס ער האט געהאט בראש השנה, און וואס ער האט יעדער שבת, און האט געהאט אין חודש תשרי בכלל - ווערט זיינע **וואכעדיקע** טעג "על טהרת הקודש", עאכו"כ - זיין שבת פון א מיטן-יאר (וכיו") און ראש חודש פון א מיטן יאר [ניט ראש חודש תשרי, אדער חשון - וואס געהערט נאך (דער ערשטער טאג עכ"פ) צו חודש תשרי, נאר - די ראשי חדשים פון **שאר החדשים**],

געדיינקט ער נאכמערער אז דאס איז א "שנה תמימה", און טראגט אריין אין דערויף א "תמימות", א גאנצקייט", אז דאס זאל זיין איין גאנצע זאך, איין און איינציקע איינהייט מיטן גאנצן חודש תשרי וואס ער האט פארבראכט אין די ד' אמות פון נשיא דורנו, פון רבי'ן דעם שווער, ד' אמות של תורה תפלה וצדקה, און ד' אמות אין זמן - פארבונדן מיטן זמן פון חודש תשרי -

זאגט מען אים, אז בשעת ס'ענדיקט זיך אט דער זמן, דארף ער וויסן זיין, אז איצטער האט ער א ציווי **להעלות בקודש** - אז דאס האט נאך א שטארקערע און א העכערע דרגא אין עבודת השם.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.